בעזהשי"ת

# כרחם אב על בנים (ב)

## הארצרייסנדע ווערטער מהגה"צ ר' חיים קויפמאן שליט"א

ר"מ ישיבה תפארת יעקב - גייטסהוד

א מענטש מיינט אמאל אז דער קאמפיוטער איז נישט געפערליך. ער כאפט זיך נישט גלייך... שפעטער איז שוין זייער שפעט. רבי אלי' לאפיאן ז"ל האט דערציילט א מעשה, וואס איז געווען ביי רבי אלחנן וואסערמאן ווען ער איז געקומען אויף אמעריקא, האט ער געזאגט פאר א איד וואס שיקט זיין קינד אין א יוניווערסיטעט, זאלסט אויפפאסן ס'איז א סכנה, ס'איז נישט כשר, יענער האט געזאגט ער פארשטייט נישט, ס'איז נישט אזוי שלעכט, פרעגט אים רבי אלחנן, קענסטו אפאר וואס זענען קאליע געווארן דארטן, זאגט ער יא, איך קען אפאר, נו איז פאר וואס שיקסטו דיין זון דארטן? ס'איז דא א דין, אז אויב א איד האט געמל'עט זיינע צוויי קינדער און זיי זענען געשטארבן בשעת מילה, טאר ער נישט מל'ען דעם דריטן קינד, פארוואס? ווייל ס'איז א סכנה, און וואס וועט זיין אויב ער וועט יא גיין מל'ען דעם דריטן קינד און ער איז געשטארבן? שרייט רבי אלחנן, ער איז א רוצח! די הלכה זאגט מען טאר נישט, און ער גייט יא איז ער א רוצח, דו ווייסט דאך אז אפאר קינדער זענען קאליע געווארן דארטן? זאגט ער. יא! און דו שיקסט דיין קינד דארט. ביזטו דאך א רוצח!

די היינטיגע טעג, מען רעדט נישט פון אפאר, רבי אלי' שוויי פון אמעריקא האט געזאגט אז ער ווייסט פון הונדערטער קינדער. הונדערטער קינדער וואס זענען קאליע געווארן וועגן דעם, און די וויסנשאפט טוישט זיך אזוי שנעל אז מען קען גארנישט מיטהאלטן, וואס ס'איז דא היינט איז שוין דא מארגן א נייע, און זיי קענען עם באהאלטן אז דו ווייסט נישט בין ימינו לשמאלו וואס טוט זיך. און עס איז ממש איום ונורא. ווי קען א מענטש זאגן אז ער פאסט אויף, ער ווייסט אז ס'וועט נישט שאדן, עס איז דאך ממש א חזקה, אזויפיל מענטשן זענען שוין קאליע געווארן, ווי אזוי קען א מענטש אזוי זאגן? מען מוז דאך אויפפאסן! עס איז א מורא'דיגע זאך.

...לאמיר אייך דערציילן א מעשה, ס'איז געווען אין א הייליגן מוסד אין אמעריקא, זיי האבן געדארפט האבן פאר'ן מוסד א קאמפיוטער אין אפיס, האבן זיי געקויפט פאר די צוויי כלי קודש וועלכע האבן דארט געארבעט א קאמפיוטער. נאך אפאר חדשים האט מען באמערקט אז די צוויי מענטשן זענען קאליע געווארן ר"ל, איינס האט שוין געברענגט דאס צווייטע, מ'האט שוין געארבעט, האט מען שוין געקוקט, שוין געמאכט, א.א.וו., דאס ברענגט אלץ דער קאמפיוטער, מוז מען דאך מורא'דיג אויפפאסן.

"איך וויל אייך זאגן נאך א זאך... ס'איז יא מעגליך זיך צוריקצוהאלטן! איך קען א חשוב'ן איד אין טאראנטא, א גרויסער גביר א בעל צדקה, און ער האט געהאט אין שטוב פאר די קינדער 4 קאמפיוטער'ס, צו קוקן און שפילן א.א.וו. ס'איז א מעשה שהיה, ער האט געהערט א דרשה וועגן דעם, און ער האט אריינגעטראכט קלאר אין די זאך, און ער האט געזאגט ס'טויג נישט, און האט גענומען מיט די אייגענע הענט אלע 4 קאמפיוטער'ס און אוועקגעווארפן, ס'איז א שטארקייט".

און מ'דארף בעטן אויף סייעתא דשמיא, אבער א מענטש קען נישט בעטן אויף סייעתא דשמיא אז ער טוט גארנישט דערצו, ווען א איד שטעלט זיך אוועק און זאגט אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט, "הייליגער באשעפער היט מיינע קינדער", פרעגט מען אים "און וואס טוסטו דערצו אליין", גארנישט, ממש גארנישט! שעות לאנג פארברענגט ער מיט שטותים, אפשר מיט כשר'ע זאכן, שפילן, מעשיות, און די קאפ שווימט אים, איז ווי קען מען בעטן אויף לעכטיגע קינדער? מען זאל וויסן אז מען וויל בעטן אויף סייעתא דשמיא מוז מען עפעס טון אויך אליינס!!!